## דאָס ליד פֿון קלאָון / לייב נײַדוס

אַך, ווי דורשטיק דער צירק איז נאָך נײַעס!
ס'דוכט, אַ לייב וויל זײַן רויב דאָרט צורײַסן...
און איך קרים און איך קנייטש אין העוויות
מײַן געזיכט, וואָס געפּאַרבט איז אין ווײַסן.

כ'קום אַרויס, מיט די גלעקלעך באַהאַנגען,
מיט די גלעקלעך די אייביק-געטרײַע;
אָ, ווי טרײַ זענען זייערע קלאַנגען —
זיי פֿאַרשטיין מײַן יעדע העוויה...

ס'לאַכט דער צירק, ווען איך לאַך פֿול מיט ווייען —
וואָס זשע קאָן ער דען אַנדערש דאַן מיינען?!
נאָר די גלעקעלעך מײַנע פֿאַרשטיין,
און זיי וויינען...איך ווייס, אַז זיי וויינען...

אָבער דאַן, ווען ס'איז פֿריילעך באמת,
ווען די פֿרייד שטײַגט פֿון זעל פֿון פֿאַרשוועכטער, —
איז גענוק פֿאַר די גלעקלעך אַ רמז,
און זיי לאַכן אַ האַרציק געלעכטער!...

כ'ווייס — אין טאָג פֿון מײַן אײַנזאַמער גסיסה,
ווען כ'גיב אָפּעט מײַן שׂמחה און לייד אים —
וועלן גלײַך מיט אַן אַלטער אַקטריסע
מײַנע גלעקלעך מיר זינגען הספּדים...

יעקאַטערינאָסלאַוו, 1915
(פֿון ליריק)

## שִׁיר הַלֵּיצָן / לייב ניידוס

עברית: ישׂראלה בקר

אֵיךְ צָמֵא לְחִדּוּשׁ הַקִּרְקָס!
כְּמוֹ אַרְיֵה הַמְּשַׁוֵּעַ לְטֶרֶף...
וַאֲנִי בְּלָבָן מְפִרְכָּס
מְפַרְצֵף אֶת פָּנַי לְלֹא־הֶרֶף.

וּמֵגִיחַ אֲנִי לָאוּלָם,
מְעֻטָּר בְּגְדִי פַּעֲמוֹנִים שֶׁ
נֶאֱמָן מְהַדְהֵד צִלְצוּלָם
כָּל פַּרְצוּף, כָּל מַבָּע, כָּל אֲרֶשֶׁת...

הַקִּרְקָס כָּאן צוֹחֵק עִמָּדִי —
מִי מֵבִין שֶׁלִּבִּי מְלֵא־יֵאוּשׁ הוּא?!
רַק הַפַּעֲמוֹנִים עַל בְּגָדַי
מִתְיַפְּחִים, יֵאוּשִׁי הֵם יָחוּשׁוּ.

אֲבָל אָז כְּשֶׁשָּׂמֵחַ מַמָּשׁ,
כְּשֶׁשִּׂמְחָה מְצִיפָה לֵב כָּנוּעַ, —
רֶמֶז דַּק הוּא כָּל מָה שֶׁנִּדְרָשׁ,
פַּעֲמוֹן כָּאן צוֹחֵק צְחוֹק פָּרוּעַ!...

זֹאת אֵדַע — כְּשֶׁאֶגְסֹס לִי בָּדָד,
כְּשֶׁאָשִׁיב לוֹ שִׂמְחָה וְגַם סֵבֶל —
אָז כָּל פַּעֲמוֹנַי וְגַמָּד
יַסְפִּידוּנִי, יָשִׁירוּ שִׁיר־אֵבֶל...

תל-אביב, דצמבר 2023